GRAND RABBI ISRAEL HAGER, PRESIDENT

EXECUTIVE COMMITTEE

HON. AARON J. LEVY, CHAIRMAN
BERNARD REICH } VICE-CHAIRMEN
I. I. PODOLSKY }
JACOB DRILLMAN, TREASURER
JOSEPH HAGER, HON. SEC'Y
SOLOMON FEINMAN } EXECUTIVE
ALBERT KRUGER } DIRECTORS
BERL FERTIG
JACOB FINK
BENJAMIN FRINDEL
J. L. HOROWITZ
ISAAC KANTER
CHAS. LEVINE
ABRAHAM MEYERS
ISAAC M. NEISTADT
HON. CHAS. A. OBERWAGER
MICHAEL RUBIN
DANIEL REISSMAN
ISRAEL ROKEACH
REV. JOSEF ROSENBLATT
HARRY SACHET
HENRY J. SATRAN
HON. HENRY S. SCHIMMEL
SAMUEL SAVITZKY
NATHAN SKLAMBERG

INVESTIGATION COMMITTEE

SOLOMON FEINMAN, CHAIRMAN
I. I. PODOLSKY, VICE-CHAIRMAN
ISAAC KANTER, SEC'Y
BERL FERTIG
HARRY SACHET
NATHAN SKLANSKY

PROPAGANDA COMMITTEE

ALBERT KRUGER, CHAIRMAN
ISAAC M. NEISTADT, ASST. CHAIRMAN
JACOB FINK, SEC'Y
SOLOMON FEINMAN
JOSEPH HAGER
J. L. HOROWITZ

TELEPHONE 8145—9839 O[redacted]

בית יתומים העברי

דעה"ק צפת ת"ו

# HEBREW ORPHAN ASYLUM

OF SAFFED, PALESTINE

AMERICAN OFFICE, 293 EAST THIRD STREET
NEW YORK

"Charity [Zedakah] is great because its practice prolongs life."
"Charity [Zedakah] is great because its practice hastens the coming of the Messiah."

Ellul, 5679.

Dear Friend:-

You have no doubt heard or read of the great and holy work which the American Branch of the Hebrew Orphan Asylum of Saffed, Palestine, has undertaken. It is a work which will commend itself most heartily to every conscious Jew.

At the request of Grand Rabbi Israel Hager, known as the Radewitzer Rebbe, we, the undersigned, have undertaken the sacred task of removing from Christian institutions Jewish orphans, and return them to their Faith and People.

They will be sent to Saffed, Palestine, where Grand Rabbi Israel Hager has presented a house for the use of the Hebrew Orphan Asylum in that city and where he and his followers maintain Jewish orphans.

The poor orphans who will be taken from these Christian institutions will become the wards of the American Branch of the Hebrew Orphan Asylum of Saffed. It will become our sacred duty to care for them, to educate them and to maintain them so that they shall not become lost to Judaism and the Jewish people.

We will take them out of the Christian environment, keep them here for some time where they will be under the personal supervision of Grand Rabbi Israel Hager and we shall then send them to Saffed to the Hebrew Orphan Asylum in that city.

How different their lives will be. There in our Holy Land, the land of our Fathers and the land of our children they will grow up to be loyal Jews. There they will be nourished upon the truths of the Torah. There they will become complete Jews.

We know, aye are convinced that this great and sacred work will appeal to you to whom Judaism and the honor of the Jewish people is as dear as life itself.

It is the month of Ellul; the New Year is approaching. What grander manner of ushering in the New Year can there be than doing some act for the sake

SECRETARY'S OFFICE
Opened 12/30/19 by
Answered by

of our Faith, to pluck from those institutions where our poor orphans are snatched away from their people, and bring them back to us ?

We plead for your support. You, we know, are a generous donor to all Jewish causes. This great cause will, we are sure, have your sympathy and aid as well.

God will bless you. He will send you and yours Happiness, Prosperity and Long Life.

Membership dues are three dollars a year and upwards.

A contribution of one hundred dollars entitles the donor to a Life Membership.

Please make all checks, money orders, etc. payable to

Mr. JACOB DRILLMAN, Treasurer,
293 East Third Street, New York City.

With cordial greetings and best wishes for the New Year,

ALBERT KRUGER and SOLOMON FEINMAN,
Executive Directors.

זכות פון דיעזער צדקה נעווים מגין זיין אייך אייך, אז איהר וועט האבען א שנת חיים וברכה בתוך כלל ישראל, אמן.

רעגולע מעמבער דיוס — — — — — 5 דאָלער א יאהר.
אסאָשיאייט מעמבער — — — — — 3 דאָלער א יאהר.
אַקטיווער מעמבער — — — — — — — 10 דאָלער א יאהר.
עהרען ליסט מעמבער — — — — 25 דאָלער א יאהר.
מעמבער ומנהל — — — — — — — 50 דאָלער א יאהר.
לאַיף מעמבער — — — — — — — 100 דאָלער א יאהר.

השוכי בנים וואָס ווילען מגדל זיין א יתום אויף זייערע עקספּענסעס
דארפען צאהלען 250 דאָלער א יאהר.

אַלע בריעף, טשעקס און מאָני אָרדערס אדרעסירען:

**Mr. JACOB DRILLMAN, Treasurer, 293 East 3rd Street, New York City.**

בברכת הגאולה, העוזרים והמתעסקים:

האָנ. דזשאָדזש אייראַן דזשיי לוואַי, טשערמאַן.

בערנאַרד רייך און י. י. פאָדאָלסקי, וויים פּרעזידענטען.

יעקב דריללמאַן, טרעזשורער.

יוסף בהרב ר׳ ישראל האַגער, סעקרעטער.

דירעקטאָרען און מנהלים: י. פּ. ניישטאַדט, ישראל רוקח, יעקב פינק, האָנ. דזשאָדזש דזשייקאָב שטראַהל, ה. שאַחעט, האָנ. ה. ס. שימעל, האָנ. טשאַרלס א. אָבערוואַגער.

אַלבערט קרוגער און סאַלאָמאָן פיינמאַן, עקזעקוטיוו דירעקטאָרס.

# בית יתומים העברי

דעה״ק צפת ת״ו

---

ר׳ ישראל האגער, המכונה ראדעוויצער רבי, פרעזידענט ומיסד.

גדולה צדקה שמארכת ימיו ושנותיו של אדם,
גדולה צדקה שהיא ממהרת יום בן דוד וימות
גאולתנו. (אליהו זוטא).

חודש אלול, התרע״ט

נדיבי עם אלקי אברהם: —

איהר האָט אַהן צווייפעל געלעזען און געהערט וועגען דער גרויסער הייליגער אַרבייט, וואָס דער אמעריקאַנער ברענטש פון בית יתומים העברי פון צפת האָט אונטערנומען מיט דער האָפנונג אַז אַלע אנשים מכובדים פון לאַנד וועלען אונז געבען זייער פולע שטיצע.

אויפ׳ן פערלאַנג פון הרב הצדיק ר׳ ישראל האגער, שליט״א, המכונה „דער ראַדעוויצער רבי״, וועלכער האָט געשענקט אַ גרויסע הויז פאַר׳ן בית יתומים העברי אין צפת, ארץ ישראל, און האַלט דאָרט אויס אַ גרויסע צאָהל מלחמה יתומים מיט זיין אייגענע שטיצע און מיט שטיצע וואָס ער בעקומט דאַרויף פון זיינע חסידים ומקורבים, אויפ׳ן פערלאַנג פון דיעזען צדיק, האָבען מיר אונטערגעצייכענטע, מנהלים פון דעם ברענטש פון בית יתומים העברי בצפת, גענומען אויף אונז די גרויסע און הייליגע אויפגאַבע, אַרויסצוראַטעווען פון די קריסטליכע יתומים אַנשטאַלטען, אַזעלכע אידישע יתומים, וואָס האָבען ניט קיין טאַטע־מאַמע, און האָבען ניט אין דער גרויסער וועלט קיינעם ווער עס זאָל זיי אַרויסנעהמען פון גוי׳עשע הענד און זיי צוריק קעהרען צוריק צו זייער פאָלק און צו זייער גאָט.

מיר נעהמען אַרויס דיעזע עלענדע נשמות פון די קריסטליכע אַנשטאַלטען, און נאָכדעם ווי זיי געפינען זיך אַ צייט אונטער דעם ראַדעוויצער רבי׳ן׳ס פערזענליכע השגחה, און מען לערענט זיי אויס די ערשטע נויטיגע זאַכען וואָס אַ אידיש קינד דאַרף וויסען, שיקען מיר זיי אַוועק אין ארץ ישראל אין ראַדעוויצער רבי׳ן׳ס בית יתומים העברי, וואו אַלעס וואָס איז נור מעגליך צו טהון וועט געטהון ווערען אַז זיי זאָלען אויסוואַקסען תלמידי חכמים, וואָס זאָלען זיין אַ שטאָלץ און אַ כבוד צום גאַנצען אידישען פאָלק.

איהר קענט זיך זעלבסט משער זיין מיט וואָס פאַר אַן עקספענס דיעזע וויכטיגע צדקה איז פערבונדען, און ביי אונזער לעצטען מיטינג איז בעשלאָסען געוואָרען מיר זאָלען זיך ווענדען צו אַ צאָהל פון געוויסע אידישע כלל טהוער און בעלי צדקה זיי זאָלען אונז העלפען מיט זייערע פריוויליגע נדבות פאַר דיעזער צדקה גדולה.

און אַזוי ווי איהר זייט איינער פון אונזערע אנגעזעהענע בעלי בתים ובעלי צדקה ווענדען מיר זיך צו אייך איהר זאָלט אונז העלפען מבנים זיין לתורה ולמעשים טובים אַזעלכע יתומים, וואָס וואָלטען זאָנסט אויף אימער פערבליבען גוים, אונטער׳ן איינפלוס פון די קאַטוילישע אינסטיטושאָנס וואָס ערציהען זיי פאָלשטענדיג צו זיין פרומע קאַטאָליקען.

עס איז אַן אנגעלעגענהייט איבער וועלכער מען דאַרף פיעל ניט ריידען, איהר ווייסט וואָס עס מיינט צו נעהמען אַזאַ יתום און איהם מאַכען פאַר אַ ריכטיגען אידען אין ארץ ישראל, איהר ווייסט וואָס פאַר אַ צדקה גדולה דאָס איז, און מיר בעטען אייך איהר זאָלט אונז שטיצען מיט אייער נדבה פיר דיעזער גרויסער צדקה, און אַזוי ווי יעצט איז חודש אלול, ווען יעדער איד איז זיך מכין צו בעטען ביי גאָט געזונד און לעבען צום נייעם יאָהר, וועט דער